ערשטער קאפיטל:

# דער הייליגער אפשטאם

דער זיידע, ר׳ מרדכי לייב דייטש זצ״ל איז געווען אן איינקל בן אחר בן פון דעם בעל קונטרס הספיקות זצוק״ל, (לויט די קראנטע עדות פון הרב ר׳ יוסף דוב כהנא פון קראסנע). זיין פאטער, ר׳ יוסף דוב ז״ל איז געווען א זון פון ר׳ מרדכי לייב און רחל דייטש.

ווען ר׳ יוסף דוב איז געקומען צום פרק האיש מקדש האט ער חתונה געהאט מיט די צדיקת חנה, א טאכטער פון ר׳ חיים אלי׳ ווייס ז״ל.

די חתונה איז פארגעקומען זונטאג כ״ב סיון תרס״א. א חתונה אין וועלכע די גאנצע שטעטל האט זיך מיטבאטייליגט און מיטגעפריידט מיט די אידישע שמחה. איין וואלקן האט אבער פארנעפלט דעם חתנ׳ס גליק, זיין פאטער, ר׳ מרדכי לייב ז״ל איז געקומען צו די שמחה פון עולם האמת, ער האט ליידער נישט דערלעבט די גליקליכע מינוט אונטערצופירן זיין טייער זון אונטער די חופה שטאנגען.

נאך די חתונה איז ר׳ יוסף דוב געבליבן וואוינען אין די שטעטעלע קאוואטש. ווייניגער ווי א יאר דערויף האט א פרייד ארוימגענומען די הויז, א אינגל איז געבוירן געווארן, און פארשטייט זיך אז מען האט אים באלד א נאמען געגעבן נאכן זעליגן זיידן, ויקרא שמו בישראל מרדכי לייב.

דאס טייער קינד איז אראפגעקומען אין א אפגעהיטענע אידישע היים. זיין פאטער ר׳ יוסף דוב איז געווען א זעלטנהייט פון א ערליכער יראת שמים׳דיגער איד, וועלכער האט זיך נישט געטרויט אריינצונעמען אין מויל עפעס, נאר וואס איז אנגעריכט געווארן ביי אים אין דערהיים. אויב האט זיך געמאכט אז ער האט געמוזט זיין אין דער פרעמד, און געווען געצוואונגען עפעס צו עסן, האט ער עס פון פריער אויסגערעכנט, נאר איינצושטיין אין אזעלכע הייזער וואו ער וועט זיך רואיג קענען פארלאזן אויף דעם וואס וועט דערלאנגט ווערן צו נעמען אין מויל אריין.

עס האט זיך אפילו געקענט מאכן ער זאל האבן אין שטאט נאנטע פאמיליע מיטגלידער, אבער דאך האט ער אויסגעוועלט איינצושטיין ביי די חשוב׳סטע ערליכסטע אידן פון שטאט,